# תורת אביגדור

משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

ר"ה תשפ"ב
שנה ג'

# די עבודה פון ראש השנה

חלק א. זען דעם באשעפער'ס מלוכה • חלק ב. אנערקענען דעם באשעפער'ס מלוכה • חלק ג. אויסרופן דעם באשעפער'ס מלוכה

## חלק א. זען דעם באשעפער'ס מלוכה

### דער יסוד פונעם טאג

ווען מיר לערנען פון דעם גרויסן טאג ראש השנה, איז כדאי צו אריינקוקן אין ספר יסוד שורש העבודה און זען וואס ס'שטייט איבער דעם טאג: "אחי ורעי," זאגט ער, "מיינע ברידער, מיינע פריינט; איר ווייסט אז אין די תפילות פון די ימים נוראים, איז דער עיקר נושא כבוד שמים." **וְתִמְלֹךְ אַתָּה ה' לְבַדֶּךָ עַל כָּל מַעֲשֶׂיךָ** - "דו, באשעפער, זאלסט קעניגן אליין איבער אלע דיינע ווערק." דאס איז די תפילה פונעם טאג; דער יסוד פון די עבודת היום ראש השנה איז צו אויסרופן **"ה' מלך"** - דער באשעפער איז דער קעניג.

דער אמת איז אז אין די תורה ווערט נישט צופיל ערקלערט איבער דעם טאג. דאס גאנצע וואס שטייט וועגן ראש השנה איז: **יוֹם תְּרוּעָה יִהְיֶה לָכֶם** - א טאג פון תרועה זאל דאס זיין פאר אייך (במדבר כט:א). אבער וואס די תרועה באדייט, זאגט אונז נישט די תורה. פונדעסטוועגן, כאטש ס'איז אפשר נישט אזוי קלאר אין די תורה וואס דער שופר דארף אונז לערנען אדער בכלל וואס דאס איז ראש השנה, אבער ווען מיר קוקן אריין אין דעם סדר התפילה זעט מען אז דער עיקר פון ראש השנה איז מלכיות; אלעס דרייט זיך ארום דעם באשעפער'ס מלוכה. עס ווערן אויך דערמאנט אנדערע ענינים, אבער אפילו די זכרונות און שופרות זענען פארבונדן צום ערשטן יסוד, דער יסוד פון ה' מלך.

דער באשעפער איז קעניג - דאס איז דער יסוד פונעם טאג; אייגנטליך זעט אויס ווי נאר פון דעם רעדן מיר. סיי וואספארא תפילות מיר זאגן ראש השנה - און מיר זאגן אסאך - דערמאנען מיר נאכאנאנד דעם מלכות. און נישט נאר וואס מיר דערמאנען דאס - מיר בעטן זיך דער באשעפער זאל קעניגן איבער אונז: **מְלֹךְ עַל כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ בִּכְבוֹדֶךָ** - באשעפער, קעניג איבער די גאנצע וועלט אין דיין כבוד.

בעריכה מיוחדת גליונות לשבת קודש

## אן אנדער סארט קעניג

אייגנטליך זעט דאס אויס ווי אן איבריגע בקשה. א גאנצן טאג שטייען מיר אויף אונזערע פיס און בעטן זיך, "דער באשעפער זאל קעניגן אויף אייביג!" מיר פאלן אויף אונזער פנים און מיר שרייען צו אים, מיר בעטן זיך מיט טרערן, "ביטע, באשעפער, קעניג איבער די וועלט."

זעט דאס נישט אויס אינטערעסאנט? נאך אלעם, דער באשעפער איז נישט ווי א מלך בשר ודם! א מענטשליכער קעניג איז א הערשער נאר אויב ער האט אונטערטאנען. ווען א באראן הויפט קומט צו א צווייטן באראן אין נאמען פון די גאנצע אריסטאקראטיע און שענקט אים א קעניגליכער באנד און זאגט, "מיר זענען דיינע אונטערטאנען! הערש איבער אונז!" דאן ווערט ער דער קעניג. ער האט אונטערטאנען איבער וועמען ער קען יעצט הערשן, דאן איז ער א קעניג. אויב ער האט נישט א גרופע פון מענטשן וואס זאגן אז ער איז דער קעניג, דאן איז ער נישט א קעניג. אפשר וועט ער זיך האלטן ווי א קעניג אין פאנטאזיע, אבער פאקטיש איז ער גארנישט.

אבער דער באשעפער איז נישט דער סארט קעניג. ער דארף אונזער אנערקענונג פונקט ווי איך דארף א לאך אין מיין שוך. דער באשעפער איז נישט אינטערעסירט אין די אנערקענונג פון די מענטשהייט. די גאנצע מענטשהייט איז צום באשעפער גארנישט מער ווי אלע באצילן וואס ליגן אין א שטיקל טעפיך אונטער אונזערע פיס. אויב אלע מיליאנען באצילן אינעם טעפיך וואלטן זיך צוזאמגעקומען און אפלאדירט איינער פון די מענטשן אין צימער, וואלט עס גארנישט משפיע געווען אויף דעם מענטש. עס וואלט גארנישט געמיינט צו אים.

## פארשטיין אונזער תפילה

פונקט דאס איז וויפיל דער באשעפער דארף די אנערקענונג פון די מענטשהייט; ער דארף קיינעם נישט זאל אים אויסרופן אלס קעניג ווייל ער איז פאקטיש דער מלך. דאס איז וואס דוד המלך האט געזאגט: **ה׳ מָלָךְ גֵּאוּת לָבֵשׁ** - דער באשעפער האט געקעניגט, ער איז באגלייט מיט כבוד. אבער דאס איז נישט א כבוד וואס אנדערע געבן אים; **לָבֵשׁ ה׳ עֹז** - דער באשעפער איז באקליידט מיט כח, **הִתְאַזָּר**, וואס ער האט זיך ארומגעגארטלט (תהלים צג:א). קיינער האט נישט ארויפגעלייגט א קרוין אויף זיין קאפ. קיינער האט אים נישט געגעבן אן אריסטאקראטישער באנד און אים געמאכט גרויס. ער דארף נישט קיינער זאל אים מאכן פאר א קעניג ווייל ער איז אייביג געווען קעניג; אפילו פאר בריאת העולם. און ער וועט אייביג זיין קעניג, נישט קיין חילוק וואס וועט זיין! **ה׳ מֶלֶךְ עוֹלָם וָעֶד** - ער איז דער קעניג אויף אייביג, **אָבְדוּ גוֹיִם מֵאַרְצוֹ** - אפילו אויב אלע פעלקער וועלן פארלוירן גיין פון די וועלט, וועט ער נאך אלץ זיין דער קעניג (תהלים י:טז).

דערפאר איז עס א גרויסע קשיא: וואס איז דער גאנצער ענין ראש השנה צו ממליך זיין דעם באשעפער? מיר דארפן אים געבן א מי שברך אז ער זאל זיין א קעניג אויף אייביג? פארוואס בעטן מיר אים ער זאל הערשן איבער די וועלט? אודאי זאגן מיר דאס גערן, מיר וועלן לייענען די ווערטער פון מחזור; פארוואס נישט - עס קאסט נישט קיין געלט. אבער בלויז צו זאגן ווערטער און עס נישט פארשטיין איז א שאד, א גרויסער שאד. וואס טוען מיר ראש השנה א גאנצן לאנגן טאג?

## גוטסקייט און כבוד

אלזא, ווען מיר דאס ערקלערן דורך א וויכטיגן יסוד. מיר זאגן אין די תפילות פון ראש השנה (יוצרות - שחרית) **טוֹב יָצַר כָּבוֹד לִשְׁמוֹ** - דער גוטער האט באשאפן די גאנצע כבוד פאר זיין נאמען. דער באשעפער ווערט אנגערופן 'דער גוטער', און עס שטייט דא אז ער האט באשאפן די גאנצע כבוד פאר זיין נאמען. דאס גאנצע חסד און חכמה וואס מיר זעען אין די וועלט, האט דער גוטער באשאפן כדי זיך צו מכבד זיין.

די שאלה איז, אויב האט ער אלעס באשאפן פאר'ן כבוד פון זיין נאמען, ווי אזוי זעט מען פון דעם אז ער איז א גוטער? אויב א מענטש טוט עפעס גוטס נישט כדי צו ווערן אנערקענט נאר בלויז פאר א צווייטן'ס טובה, דאן קען מען זאגן אז ער איז א גוטער. אבער אויב ער טוט מעשי חסד און זיין ציל איז בלויז צו ווערן אנערקענט, וואלטן מיר אים נישט אנגערופן 'דער גוטער'.

און דאך, דאס איז וואס עס שטייט דא: **טוֹב יָצַר**, דער גוטער - דאס איז דער באשעפער - האט אלעס באשאפן, **כָּבוֹד לִשְׁמוֹ**, מיט'ן ציל צו ברענגען כבוד פאר זיין נאמען. דאס איז א סתירה. אויב האט ער עס געטון ווייל ער איז גוט, אויב האט ער געמאכט די וועלט ווייל ער איז א גוטהארציגער, דאן האט ער עס נישט געטון צו גרויסן זיין נאמען.

## די גרעסטע גוטסקייט

אבער באמת איז דאס נישט קיין סתירה;ביידע אויסדרוקן זענען ריכטיג. ווייל די גרעסטע גוטס וואס קען געטון ווערן צו איינעם, דער גרעסטער חסד וואס קען געשאנקען ווערן צו סיי וועלכן מענטש, איז ווען מען מאכט אים באוואוסטזיניג איבער דעם באשעפער. די גרעסטע דערגרייכונג צו וואס מ'קען צוקומען אויף די וועלט איז צו אנערקענען אז דער באשעפער איז דער קעניג - אז ער איז אלעס צו אונז!

אלזא לייענען מיר דעם פסוק אזוי: ווייל ער איז דער **טוב**, דערפאר, **יצר**. ווייל ער איז גוט און ער וויל געבן גוטס, דערפאר האט ער אונז באשאפן - כדי מיר זאלן האבן די געלעגנהייט צו קונה זיין דעם שלימות פון **כבוד שמו**, פון אנערקענען דעם באשעפער אלס קעניג. דאס איז אונזער הצלחה אויף די וועלט! די גרעסטע דערגרייכונג צו וואס עס איז מעגליך מיר זאלן קענען צוקומען, איז צו מאכן דעם באשעפער הערשן איבער אונז; דאס מיינט צו פארשטיין, אנערקענען, שפירן, וויסן קלאר אז **ה' מלך**, דער באשעפער הערשט איבער די וועלט. דאס איז דער גרעסטער שלימות פון א מענטש אויף די וועלט! ווי מער דו ביסט באוואוסטזיניג, ווי מער דו שפירסט אז דו שטייסט אין אנוועזנהייט פון דעם קעניג, אלס מער שלימות האסטו קונה געווען. ס'איז נישטא עפעס העכער ווי דעם אין לעבן. **רֵאשִׁית חָכְמָה יִרְאַת ה'** - די גרעסטע און העכסטע חכמה פון א מענטש איז צו שפירן די אנוועזנהייט פון באשעפער.

דערפאר האט ער דיר געמאכט און דערפאר האט ער געמאכט די וועלט. און דערפאר טוט דער 'גוטער' שענקען גוטע זאכן פאר אונז די גאנצע צייט. דאס איז די סיבה פארוואס דו האסט היינט געגעסן פרישטאג און דאס איז די סיבה פארוואס דו וועסט אויך עסן נאכטמאל - כדי דו זאלסט ווערן מער באוואוסטזיניג צום ה' מלך. דערפאר האסטו אויגן און פיס און א לעבער. דערפאר רעגנט און דערפאר איז דא א זון אין הימל. אלעס ווערט אונז געגעבן כדי מיר

זאל האבן וואס מער געלעגנהייטן צו אנערקענען דעם קעניג וואס געבט עס אונז. ער שענקט מיליאנען גוטס פאר די מענטשהייט; אלע סארט גוטע זאכן פון וואס מיר געניסן האט איין עיקר ציל - **כָּבוֹד לִשְׁמוֹ**, אונז צו ברענגען צו אנערקענען דעם באשעפער.

מיר מוזן דאס ארייננעמען אין אונזערע קעפ. דער פאנדומענטאלער ציל פון די אלע זאכן אין די וועלט איז צו צייגן אז איינער האט דאס געמאכט. דאס איז דער יסוד פון פארשטיין דער אמת פון אלעם; סיי וואס דו זעסט אין די וועלט האט דעם ציל דיר צו מאכן באוואוסטזיניג צום באשעפער. א גאנצן טאג, וואו אימער דו דרייסט זיך, סיי וואס דו זעסט, זאל עס דיר דערמאנען אז ה׳ מלך -דער באשעפער האט דאס אלעס געמאכט.

## די וועלט איז א פארבלענדעניש

דאס צו געדענקען איז אבער נישט אזוי פשוט ווי ס׳הערט זיך. צומאל איז שווער צו אנערקענען דעם באשעפער ווייל עס זענען דא אזויפיל זאכן וואס פארבלענדן אונז. ״**גַם אֶת הָעֹלָם נָתַן בְּלִבָּם** - דער באשעפער האט אריינגעלייגט די חכמה פון די וועלט אינעם מענטש׳ס הארץ, **מִבְּלִי אֲשֶׁר לֹא יִמְצָא הָאָדָם אֶת הַמַּעֲשֶׂה אֲשֶׁר עָשָׂה הָאֱלֹקִים מֵרֹאשׁ וְעַד סוֹף** - אן וואס דער מענטש זאל אנטדעקן די גאנצע ווערק, פון אנהייב ביז׳ן סוף, וואס דער באשעפער האט געמאכט (קהלת ג:יא). עס איז אלעס זיינס, אבער ס׳פאדערט אנשטרענגונג אים צו זען.

דער באשעפער האט נישט געוואלט מיר זאלן זען קלאר אז ער איז אלעס אין די וועלט. דאן וואלט נישט געווען קיין נסיון צו אנערקענען דעם באשעפער און ס׳וואלט נישט ווערד געווען צו לעבן. דערפאר האט ער אריינגעשטעלט אין די וועלט ביציקלען פאר קינדער, אטאמאבילן פאר ערוואקסענע. ער האט אריינגעשטעלט פארברענגונגען און גוטע עסן. ער לייגט אריין שידוכים און קינדער און געלט. די אלע זאכן, וואס טייל דערפון זענען מצוות און טייל נישט - סיי וואס עס איז, מאכט דאס פארנומען מענטשן א גאנצע צייט. פרנסה, אמביציע, מאכן א לעבן, אונטערהאלטונגען, דאס און יענץ, גאסן און שטעט און צייטונגען און שכנים און זומער הייזער; אלעס אין די וועלט ארבעט שווער אז מענטשן זאלן פארגעסן פון באשעפער.

## דער מקור פון די זונען שיין

אצינד, לאמיר עס אביסל בעסער ערקלערן, אביסל טיפער. ווען דער באשעפער האט באשאפן די וועלט האט ער געזאגט, ״**יְהִי אוֹר** - עס זאל זיין ליכטיגקייט.״ און ס׳איז געווארן ליכטיג. ״**וַיְהִי עֶרֶב וַיְהִי בֹקֶר** - און עס איז געווען נאכט און ס׳איז געווען טאג.״ די ערד האט זיך געקערט צו די ליכטיגקייט און אוועק פון די ליכטיגקייט, און אזוי איז געווען טאג און נאכט. אלזא, פון וואו איז די ליכטיגקייט געקומען? צי איז עס געקומען פון די זון? ניין, ס׳איז נאכנישט געווען קיין זון די ערשטע טאג. איז פון וואו איז עס געקומען? וואס איז געווען דער מקור פון די ליכטיגקייט?

דער ענטפער איז, אז ס׳איז געקומען פון ׳**אין**׳, פון גארנישט. ס׳איז געקומען פון ה׳, ס׳איז געווארן א ׳**יש מאין**׳. ליכטיגקייט איז ענערגיע, ווי מיר ווייסן. ס׳איז געקומען פון דעם באשעפער׳ס כח. דער נאמען פון באשעפער ׳**אלף למד**׳ - קל - מיינט כח. דער באשעפער האט געזאגט, ״זאל ליכטיגקייט אריינשיינען אין די וועלט,״ און די ליכטיגקייט האט אריינגעשיינט.

אויב וואלטן מיר שוין דאן געווען אויף די וועלט, וואלטן מיר אנטציקט געווארן פון דעם גרויסן מוסר השכל. פון וואו קומט ליכטיגקייט? ליכטיגקייט קומט פון באשעפער! אויב וואלטן מיר געווען אויף די וועלט איידער דער זון איז באשאפן געווארן וואלטן מיר געווארן באוואוסטזיניג איבער דעם באשעפער מיט א מורא׳דיגע קלארקייט. ״זע! די ליכטיגקייט קומט דירעקט פון באשעפער. ס׳איז גארנישט דא אויסער דער באשעפער. ער איז דער כח פון די וועלט. אלף למד - ער איז קל - ער איז דער מקור פון די גאנצע ענערגיע.״ דאס וואלט געווען א געוואלדיגע דערגרייכונג פון באוואוסטזינגקייט אז ה׳ מלך; דאס וואלט געווען א ראש השנה צום געדענקען!

## די זון מאכט טונקל

אבער וואס האט פאסירט? דריי טעג שפעטער האט דער באשעפער באשאפן די זון און געברענגט א טונקלקייט אויף די וועלט. ס׳זעט אויס ווי די זון איז א גרויסע מתנה ווייל עס באלייכט די וועלט. יעדן טאג געבט די זון ארויס מיליאנען טאן פון קראפט פון ענערגיע אין פארעם פון ליכטיגקייט צו די ערד - דאס געבט דעם כח פאר די וועלט צו פונקציאנירן. מיר קענען זען נאר א דאנק די זון; מיר עסן נאר א דאנק די זון. מיר לעבן נאר א דאנק די זון.

אבער דער אמת איז אז די זון פארטונקלט די וועלט. די זון טוט נאכאנאנד פארדעקן דעם אמת ווייל יעצט קוקן מיר אויף די זון און מיר מיינען אז די זון איז די וואס געבט אונז ליכטיגקייט. און דאס איז די גרויסע פארנארונג, דער גרויסער שקר, פון די זון. ווייל עכט האט די זון נישט קיין ליכטיגקייט, נאר דער באשעפער ניצט די זון אלס א לאמטערנע. ס׳איז נאך אלץ זיין ענערגיע, נאר אצינד, אנשטאט צו זען די ענערגיע קומען אן קיין שום כח בלויז פון באשעפער אליין, ווערן מיר פארנארט צו מיינען אז ס׳קומט פון די זון.

און וואס פאסירט צוליב דעם? דאס האט גורם געווען אז מיליאנען מענטשן האבן געדינט צו די זון אנשטאט צו דינען צום באשעפער. און אפילו מיר, להבדיל, דינען נישט צו די זון, אבער ווען מיר זעען די זון, מיינען מיר אז עס איז די זון וואס געבט ארויס ליכטיגקייט. מיר ווייסן אז די זון האט א נוקלער הייצונג סיסטעם. ס׳איז ווי אן אטאם באמבע וואס עקספלאדירט נאכאנאנד, א הידראלירטע באמבע עקספלאדירט נאכאמאל און נאכאמאל, ארויסגעבנדיג ענערגיע וואס קומט אראפ צו די וועלט אין פארעם פון ליכטיגקייט ענערגיע. אצינד ווייסן מיר שוין אלעס איבער דעם!

אה ניין! מיר מיינען אז מיר ווייסן, אבער ס׳איז אלעס א פארבלענדעניש. ס׳איז נאר א סיבה נישט צו זען דעם אמת, די ריכטיגעווארהייט וואס איז געווען בעפאר די זון. די ריכטיגע ווארהייט איז אז אלעס איז נאר דער באשעפער און אלעס אנדערש טוט אים פאַרשטעלן.

## אנטדעקן דעם סוד

און דערפאר איז אזוי וויכטיג צו קענען זען דורך די וועלט און נישט ווערן פארנארט דורך די וועלט. **ישֵׁב בְּסֵתֶר עֶלְיוֹן** - דער העכסטער זיצט אין באהעלטעניש. דער באשעפער פירט אלעס אין באהעלטעניש; ס׳זעט אויס ווי אלעס ארבעט אליין. **אֲשֶׁר בָּרָא אֱלֹקִים לַעֲשׂוֹת**, דער באשעפער האט באשאפן זאכן אז ס׳זאל קענען ארבעטן אליין. אזוי איז עס געמאכט עס זאל

אויסזען. די זון קומט ארויס, עס גייט אונטער, עס קומט נאכאמאל ארויס. דער רעגן ציקלאן - די וואסער ווערט אויסגעדאמפט פון ים, די ווינטן בלאזן די וואלקענעס איבער די ערד, עס רעגנט, די וואסער רינט צוריק אריין אין די ים'ען, און דער ציקלאן הייבט זיך אן פונדאסניי. ס'איז '**לעשות**' - די וועלט זעט אויס ווי ס'טוט זיך אלעס אליין!

אה ניין! קיין זאך טוט זיך נישט! ס'איז בלויז א חלום. ס'איז אן אילוזיע. דער באשעפער טוט אלעס! ה' מלך! מיין נישט אז דער באשעפער האט זיך אפגעשטעלט פון טון; ער האט איבערגעגעבן די ארבעט פאר דער נאטור עס זאל זיך אליין פירן. ניין, דער באשעפער איז דערין די גאנצע צייט! נאר אנשטאט מיר זאלן אים זען אין די עפנטליכקייט, ווערן מיר פארנארט דורך דאס וואס זעט אויס ווי נאטור.

און אונזער תפקיד איז צו עפענען אונזערע אויגן. די מלאכים - זייערע אויגן זענען אפן און זיי זאגן **מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ** - די וועלט איז פול מיט זיין כבוד, ווייל זיי זעען יעצט דעם אמת. אבער מיר זעען נישט; מיר ווערן פארנארט דורך דער נאטור, און דערפאר זאגן מיר, **וְיִמָּלֵא כְבוֹדוֹ אֶת כֹּל הָאָרֶץ**, די צייט וועט קומען ווען זיין כבוד וועט אנפילן די וועלט, און דאן וועט יעדער זען אז דער באשעפער איז דער וואס פילט אן די וועלט. מיר שטרעבן אלעמאל צו ווערן מער און מער באוואוסטזיניג אז ס'איז גארנישט דא עפעס אנדערש. **אֵין עוֹד מִלְּבַדּוֹ** - ס'איז גארנישט דא אויסער דער באשעפער. **ה' מלך**, און גארנישט עפעס אנדערש.

## חלק ב. אנערקענען דעם באשעפער'ס מלוכה

### אלעס איז דער באשעפער

אצינד קומען מיר צוריק צו ראש השנה. ראש השנה איז א געלעגנהייט צו באנייען אין אונזער מח אט דער וויכטיגער יסוד. ווייל יעדע מאל מיר זאגן, "ה' מלך" ראש השנה, איז עס נישט בלויז א פזמון וואס מיר חזר'ן איבער פון מחזור - מיר פראקלאמירן דעם יסוד היסודות!

יעדער "ה' מלך" איז א נייע געלעגנהייט צו איינפלאנצן אין אונזער מח די איבערצייגונג אז דער באשעפער, ער איז די חכמה פון די וועלט, ער איז די גוטסקייט פון די וועלט און **בִּדְבַר הַשֵּׁם שָׁמַיִם נַעֲשׂוּ**, די גאנצע וועלט איז גארנישט נאר דער ווארט וואס איז ארויסגעקומען פון זיין מויל. אייגנטליך, עס איז נישטא קיין וועלט - די וועלט איז גארנישט נאר דער דבר ה'.

אלעס פון וואס מיר רעדן ראש השנה איז איבער אט דער וויכטיגסטער מציאות אין די וועלט, דער יסוד היסודות, אז דער באשעפער איז דער קעניג און אז ס'איז נישטא קיין אנדער כח, קיין שום קראפט אויסער אים.

אלזא, ווען מיר זאגן **וְתִמְלֹךְ אַתָּה** - און דו זאלסט קעניגן, טוען מיר נישט מחזק זיין דעם באשעפער צו זיין קעניג; מיר זענען מחזק זיך אליין צו אנערקענען אז ער איז קעניג! מיר בעטן דער באשעפער זאל קעניגן אין די מוחות פון די מענטשן; אין אונזערע מוחות. מיר זענען מתפלל אז מיר זאלן אנערקענען אז ס'איז דא איין פלאנירער פון די וועלט, און אז ער האט איין פלאן וואס ציעט זיך פון אנהייב פון וועלט באשאף ביז צום סוף פון אלע דורות. דאס ווערט

גרופּן מלכות. דאס איז א מלך! אלעס ווערט געטון מיט א פּלאן; ס'איז אלעס גע'חשבון'ט. ס'איז אלעס אראנזשירט מיט א שלימות'דיגער סדר - און אלעס איז געמאכט געווארן פאר דעם צוועק, אז די מענטשהייט זאל צוקומען צו פארשטיין אז דער באשעפער פירט אלעס.

## חסד הייבט זיך אן אינדערהיים

אלזא, ווען דו שטייסט אין שול ראש השנה און דו זאגסט **וְתִמְלֹךְ אַתָּה ה' לְבַדֶּךָ עַל כָּל מַעֲשֶׂיךָ** - "באשעפער, זאלסט קעניגן אליין איבער אלע דיינע ווערק," אנערקען אז דו אליין ביסט די ווערק פון וועמען דו רעדסט. וואס מיר זאגן דא איז אייגנטליך אז מיר זענען די פאר וועמען ס'איז די וויכטיגסטע די תפילה. מיר דאווענען פאר זיך אליין - מיר בעטן דעם באשעפער זאל אונז העלפן פארשטיין אז ה' מלך. מיר זענען נישט באזארגט איבער די האטענטאטס אין די וועלדער אז זיי זאלן זען אז דער באשעפער איז קעניג. אויב וועסטו שטיין ראש השנה א גאנצן טאג אויף די פיס און בעטן **וְתִמְלֹךְ... עַל כָּל מַעֲשֶׂיךָ**, בשעת דו טראכסט, 'אה, באשעפער! דו זאלסט הערשן איבער אלעמען! באווייז זיך און הערש איבער די האטענטאטס און די מעקסיקאנער און די סקאנדינאוועהר; אלע גוים זאלן דיר אנערקענען" - אויב דאס איז וואס דו טראכסט, האסטו נישט ארויס די זאך. ניין, נישט דאס באדייט ראש השנה. ראש השנה איז אינגאנצן וועגן דיר - דער טאג איז געגעבן געווארן אז דו זאלסט אנערקענען אז דער באשעפער איז דער קעניג איבער דיין לעבן.

אודאי וועלן מיר פארגינען אז די גוים זאלן אויך זאגן ה' מלך. מיר וועלן זיין פריילעך אויב די מוחמד'אנער און די נוצרים און די ווילדע שבטים אין די זשונגלס פון דרום אמעריקע וועלן אויך ממליך זיין ה' אלקי ישראל. און איין טאג וועט דאס זיין, נישטא קיין ספק אין דעם. אבער נישט דאס איז יעצט אונזער געשעפט - מיר דארפן זיך בעיקר זארגן איבער אונזער אייגענע אינערליכקייט. וואס טוט זיך מיט דיר?! חסד הייבט זיך אן אינדערהיים. די וויכטיגסטע שאלה איז: צי איז דער באשעפער מנהיג איבער דיר? דאס איז דיין גרעסטער זארג, דו אליין. דו דארפסט וויסן אז דער באשעפער איז קעניג. דאס איז די ערשטע און וויכטיגסטע שריט צו א גליקליך לעבן.

## יום כיפור וואלט געדארפט זיין ערשט

אצינד קענען מיר פארשטיין דעם ענטפער צו די גרויסע שאלה וואס מוטשעט פיל מענטשן. פארוואס קומט יום כיפור נאך ראש השנה? ראש השנה איז דער יום הדין, דער טאג פון משפט. ס'איז א גרויסע סכנה, ראש השנה. ס'איז א צייט ווען דער באשעפער פארשרייבט אונז לחיים אדער חלילה עפעס אנדערש.

פיל מענטשן ווערן נכתב ונחתם ראש השנה - זייער גורל ווערט פארזיגלט אין דעם טאג. אבער מיר זענען נאכנישט אריבער דעם גאנצן סדר התשובה! ס'איז זייער שרעקעדיג ווייל מיר גייען גע'משפט ווערן לויט וואס מיר זענען, און מיר האבן נאכנישט געטון תשובה געטון. אויב ראש השנה וועגט דער זייט פון חובה שווערער חס ושלום, דאן שטייט מען אין א שווערן מצב.

דערפאר, וואלט דען נישט בעסער געווען אז אנשטאט צו רעדן א גאנצן טאג ראש השנה פון ה' מלך, זאלן מיר פארברענגען דעם טאג מיט זאגן, "פארגעב אונז אויף דעם זינד, און אויף דעם

זינד און אויף דעם זינד"? זאל זיין כאטש איין זינד ווייניגער אויפ'ן וואגשאל! און ווען דער זייט פון חובה וועט ווערן ווייניגער, וועט דער זייט פון זכיות וועגן שווערער. איז פארוואס זאגן מיר נישט ראש השנה א גאנצן טאג **עַל חֵטְא שֶׁחָטָאנוּ לְפָנֶיךָ**? אין צייט פון סכנה דארף מען ארויסווארפן אלע שטיינער אז דער שיף זאל נישט זינקען. מיר דארפן ארויסווארפן וואספארא זינד מיר קענען זיך צו ראטעווען, און מען קען זיך ראטעווען דאס לעבן ראש השנה דורך זאגן 'על חטא'! איז פארוואס פארברענגען מיר די צייט ראש השנה מיט רעדן איבער מלכות ה', זאגנדיג, "ה' מלך, ה' מלך" א גאנצן טאג, אין צייט וואס מיר געפינען זיך אין די גרעסטע סכנה?

דערפאר, אפשר וואלט יום כיפור געדארפט זיין פאר ראש השנה. מיר זאלן זאגן ווידוי און תשובה טון, דערנאך זאלן קומען די עשרת ימי תשובה און דאן, ווען ראש השנה קומט ענדליך אן, וועלן מיר שוין זיין אויסגעלייטערט פון אלע אונזערע עבירות און מיר וועלן קענען זיין פארנומען צו אויסרופן ה' מלך. פארוואס איז אבער דער סדר פארקערט, מען שטופט אפ די תשובה ביז שפעטער, נאכ'ן יום הדין און אנשטאט צו תשובה טון און זאגן עַל חֵטְא א גאנצן טאג, זענען מיר פארנומען צו זאגן **וְתִמְלֹךְ אַתָּה ה' לְבַדֶּךָ** - מיר בעטן אז דו, באשעפער, זאלסט ווערן אונזער קעניג?

## די העכסטע דרגה פון תשובה

דער ענטפער איז, אודאי דארף מען תשובה טון ראש השנה! אבער וואס איז די ערשטע זאך וואס מיר דארפן פארריכטן? וואס איז די בעסטע תשובה וואס מיר קענען טון? זאגן "ה' מלך!" אויסרופן דעם באשעפער אלס קעניג, איז די גרעסטע תשובה וואס מיר קענען טון! מיר קענען נישט פארברענגען צייט מיט זאגן **עַל חֵטְא שֶׁחָטָאנוּ לְפָנֶיךָ** אום ראש השנה; מיר קענען נישט זיין פארנומען צו אויסרעכענען דעם חטא און יענעם חטא, ווייל ס'איז דא איין גרויסער חטא וואס מיר דארפן פארריכטן ערשט! ס'איז דא איין איבערוויגנדער דורכפאל פון די מענטשהייט וואס מוז פארראכטן ווערן ראש השנה, פאר סיי וואס, און דאס איז צו אנערקענען אז ה' ימלוך לעולם ועד. אלע אנדערע חטאים זענען תולדות; זיי זענען אלע רעזולטאטן פון דעם איין גרויסן חטא. און ראש השנה, אין דעם ערשטן טאג פון יאר, באהאנדלען מיר דעם גרויסן חטא, וואס דאס ברענגט די אנדערע, און דאס איז דער חטא פון פארגעסן פון באשעפער, פארגעסן אז ער איז דער קעניג.

דאס איז זייער א וויכטיגע שטיקל אינפארמאציע וואס איר לערנט יעצט. צו זאגן ה' מלך איז דער שטארקסטער אופן פון תשובה, וואס אויף דעם וועט דער באשעפער זיך באציען ווען ער וועט באשטימען אונזער גורל פאר'ן קומענדיגן יאר. ווי מער א איד ברענגט אריין אין זיין בלוט דעם גייסט פון **ה' יִמְלֹךְ לְעוֹלָם וָעֶד**, אלס מער פארדינט ער זיך צו לעבן. דערפאר שטייען מיר א גאנצן טאג אויף אונזערע פיס און שרייען **ה' מֶלֶךְ ה' מָלָךְ ה' יִמְלֹךְ לְעוֹלָם וָעֶד**, ער וועט אויף אלעמאל זיין דער קעניג ביי אונז אין קאפ - נישט קיין חילוק וויפיל זאכן עס זענען דא אין די וועלט וואס פראבירן אונז צו מאכן פארגעסן פון אים. דאס איז דער סוד פון זיך ראטעווען דאס לעבן ראש השנה, ווייל אצינד פארשטייסטו שוין פארוואס מען לעבט! דער סוד צו נאך א יאר לעבן איז צו אריינברענגען דעם "**ה' מלך**" אין דיין בלוט.

## באוואוסטזיניגקייט אויף א גאנץ יאר

אלזא, איז דאס נישט א שאד אז פיל מענטשן קומען ראש השנה אין שול און טראכטן נישט אפילו איין מאל איבער דעם יסוד וואס ראש השנה טוט אונז לערנען? זיי טראכטן פון טויזנט אנדערע זאכן, אבער נישט פון דער עיקר. און ס׳איז זייער וויכטיג אז מיר זאלן יא טראכטן פון דעם ווייל א מענטש׳ס משפט אום ראש השנה ווענדט זיך אין זיין אנערקענונג אין דעם יסוד. דאס איז די גרעסטע תשובה; צו ארייננעמען אין זיך אז ס׳איז גארנישט דא עפעס אנדערש אין די וועלט. דאס איז וואס דארף אריינגיין אין די קעפ - אז עס עקזיסטירט גארנישט אין אונזער לעבן אויסער דער איבערשטער. ס׳איז אלעס א פארבלענדעניש. געלט, קארס, הייזער - אפילו קינדער - אלעס אין די וועלט איז א פארבלענדעניש. דער באשעפער איז דער איינציגסטער מציאות וואס עקזיסטירט אין די וועלט און דערפאר דארפן מיר אין דעם טאג זיך האלטן אין איין דערמאנען, מיר זענען פארנומען צו איינקריצן אין אונזער מח, אז ער איז אלעס - ה׳ מלך!

ראש השנה קומט צו אויפפרישן די באטעריעס און אריינברענגען אין אונז די באוואוסטזיניגקייט אויף א גאנץ יאר. דערפאר דארפן מיר הארעווען א גאנצן טאג צו טראכטן פון באשעפער אלס דער מלך העולם. איז ווען דו שטייסט ראש השנה אין שול און דער חזן זינגט, ״אהאאא...,״ קענסטו טראכטן - קענסט אויך מיטזינגען אבער זאלסט טראכטן, ׳אהאאא, ה׳ מלך! אהאאא... מיר זינגען צו אויסרופן די הערשאפט פון הקדוש ברוך הוא. היינט איז דער טאג וואס איך נעם זיך אונטער אויף א יאר צו געדענקען ווי ווייט מעגליך אז דער באשעפער איז מיין קעניג!׳

## די קבלה פון די אידן ביים ים סוף

אויב מיר גייען צוריק צום אנהייב פון אונזער היסטאריע וועלן מיר זען אז ווען דאס אידישע פאלק איז געשטאנען ביים ים סוף, האבן זיי געמאכט א וויכטיגע דעקלעראציע. זיי האבן געזאגט דארט פארשידענע זאכן, אבער מיר וועלן זיך באציען צום לעצטן אויסדרוק. אזוי ווי ווען מ׳שרייבט א שטר דארף עס זיין חוזר בשיטה אחרונה - מ׳דארף איבער׳חזר׳ן דעם אינהאלטן פונעם שטר ביי די לעצטע שורה, דארט נעמט מען אלעס צוזאם. איז וואס איז די לעצטע שורה ביים שירת הים? **ה׳ יִמְלֹךְ לְעֹלָם וָעֶד** - דער באשעפער וועט קעניגן אויף אייביג.

זיי האבן דערמיט געמאכט א שבועה: ״מיר טוען אצינד פראקלאמירן אז דער באשעפער איז אונזער קעניג אויף אייביג.״ נישט א קעניג אין א בחינה פון א משל, עפעס א ווייטער באגריף; א ווארט אין סידור וואס מיינט כמעט גארנישט בכלל. ״ער איז פאקטיש אונזער קעניג,״ האבן זיי געזאגט, ״און פון היינט נעמען מיר אן באפעלן נאר פון אים.״ דאס איז דער צוזאג וואס זיי האבן געזאגט ביים ים סוף: ״מיר וועלן שטענדיג אויסרופן אז ה׳ מלך, און מיר וועלן לעבן אונזערע לעבנס לויט די דאזיגע צוויי ווערטער.״ און אונזער תפקיד אויף די וועלט איז צו פארזעצן ווייטער דעם צוזאג וואס אונזערע אור-עלטערן האבן זיך אונטערגענומען ביים ים סוף; צו פראקלאמירן דעם באשעפער אלס קעניג איבער אונז, אלע אונזערע טעג פון אונזער לעבן.

## א נייער וועג פון לעבן

נישט נאר ראש השנה. אפילו אין א געווענליכן מיטוואך נאכמיטאג דארפן מיר זיך דערמאנען

אין די קבלה וואס מיר האבן גענומען אויף זיך ראש השנה: ׳אה יא, איך געדענק דעם טאג אין שול. דער חזן האט געזונגען ״אהאאא...״ און איך האב געטראכט ביי זיך אז דער באשעפער איז דער קעניג.׳ איז גייסטו אויפ׳ן גאס און די זון שיינט און דו דערמאנסט זיך, ׳ס׳איז נישטא קיין זון! ס׳איז דער ה׳ מלך וואס טוט אלעס.׳ און ווען דו גייסט פארביי א פרוכט מארק, טראכסטו ווידעראמאל, ״ס׳איז נישטא קיין פרוכט און נישט קיין פרוכט קעסטלעך - דאס איז דער דבר ה׳!״ דו קענסט עס אויך אויסשרייען: ״ה׳ מלך!״ ווארט ביז דער באן קומט אן און לאזט ארויס א הויכן גערודער, געמישט מיט דעם קול פון די קארס און טראקס און קיינער וועט דיר נישט הערן. שריי, ״ה׳ מלך!״

און ווען דו קומסט אריין אין הויז און דו ווילסט טרינקען א גלאז וואסער, איז די זעלבע זאך: **בָּרוּךְ אַתָּה ה׳ אֱלֹקֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם...** יעדע מאל וואס דו זאגסט א ברכה דערמאנסטו אז - מלך העולם; ער איז דער קעניג פון די וועלט. **כָּל בְּרָכָה שֶׁאֵין בָּהּ מַלְכוּת אֵינָהּ בְּרָכָה** - יעדע ברכה וואס מ׳זאגט אן צו דערמאנען די קעניגרייך פון באשעפער, איז נישט קיין ברכה (ברכות יב.). דאס איז נישט צוגעלייגט עפעס בדרך אגב, בלויז א פאעטישער אויסדרוק וואס מיר זאגן - פונקט ווי אנדערע פעלקער האבן קעניגן, וועלן מיר אויך זאגן אז מיר האבן א קעניג; ניין, דער קעניג איז די זאך. אלע אנדערע זענען פאלשע אדרעסן. ה׳ מלך! דער באשעפער איז מיין קעניג! דאס איז וואס מיר דארפן ארייננעמען אין קאפ א גאנצע צייט. סיי וואס מיר טוען, וואו אימּמער מיר געפינען זיך, זאגן מיר שטענדיג, ״**מלך העולם**״. מיר נעמען אלעמאל אריין אין אונזערע געדאנקען: ״ער איז מיין קעניג.״ דאס איז די לעבן פון א איד - ס׳איז א לעבן פון פראקלאמירן אז דער באשעפער איז אונזער קעניג.

דאס איז אונזער הצלחה אין די וועלט - קונה זיין באוואוסטזיניגקייט פון דעם באשעפער אלס דער מלך; דער איינציגער מיט אמת׳ע כח, חכמה און חסד. און אויב מיר זאלן האבן געקומען אויף די וועלט בלויז צו פארשטיין דעם ענין, אויב מיר זאלן דאס ארייננעמען אין אונזערע שטאלענע קעפ אז דער באשעפער איז דער קעניג - דער אלמעכטיגער, קלוגער און גוטער - דאן האבן מיר געלעבט אן ערפאלגרייכער לעבן. און דאן, ווען אונזער צייט וועט קומען, וועלן מיר זוכה זיין צו נצחיות׳דיגע גליק צוליב דעם וואס מיר האבן ערפילט אונזער תפקיד אין לעבן.

## חלק ג. אויסרופן דעם באשעפער׳ס מלוכה

### פארשטיין דעם שופר

אצינד קומען מיר צוריק צום ׳**יום תרועה**׳; צו פארשטיין דעם באדייט פונעם שופר ראש השנה. יעדער ווייסט אז ווען מיר בלאזן שופר ראש השנה, איז עס ווי צו זאגן **עוּרוּ יְשֵׁנִים** - וועקט אייך אויף, איר שלאפנדע. דאס איז וואס דער רמב״ם שרייבט: **עוּרוּ יְשֵׁנִים מִשְּׁנַתְכֶם וְנִרְדָּמִין הָקִיצוּ מִתַּרְדֵּמַתְכֶם** - איר דרימלנדע, וועקט אייך אויף פון אייער דרימל!

צו וואס זאל מען זיך אויפוועקן? אלזא, קענען מיר זאגן, ״וועקט אייך אויף און געדענקט די עבירה,״ אדער ״וועקט אייך אויף און טוט תשובה אויף יענע עבירה״. אבער מיר לערנען אצינד אז דער עיקר וואס דער שופר זאגט אונז, ״וועקט אייך אויף און טראכט פון ה׳ מלך.״

מיר ווייסן אז די מפרשים רעדן פון פיל כוונות אויף תקיעת שופר, און אין מחזור קען מען אויך טרעפן עטליכע ערקלערונגען פארוואס מיר בלאזן שופר, אבער ווען מיר קוקן אריין אין די תורה, זעען מיר אז בלעם האט שוין געזאגט נבואה וואס עס מיינט דער **יוֹם תְּרוּעָה יִהְיֶה לָכֶם** - עס זאל זיין א טאג פון בלאזן פאר אייך.

## קרוינען דעם קעניג מיט טרומפייטערס

ווען בלעם האט גערעדט בנבואה אויף דאס אידישע פאלק, האט ער געזאגט: **וּתְרוּעַת מֶלֶךְ בּוֹ** - "און דאס בלאזן פארן קעניג איז צווישן זיי" (במדבר כג:כא). וואס איז אונזער תרועה? עס איז א תרועת מלך, א שאלונג פאר אונזער קעניג.

דערפאר בלאזן מיר מיטן שופר. אזוי האט זיך עס געפירט אין די אלטע צייטן - ווען מ'האט אויפגענומען א נייעם קעניג, איז דער קעניגרייך פראקלאמירט געווארן דורך שאלונגען פון טרומפייטערס. ראש השנה, ווערט דער באשעפער פראקלאמירט אלס דער מלך. **עָלָה אֱלֹקִים בִּתְרוּעָה** - דער באשעפער גייט ארויף מיט שאלונג (תהלים מז:ו). אודאי, ווי מיר האבן שוין ערקלערט, דארף נישט דער באשעפער אונזער קרוינונג צו ארויפגיין אויפן טראן. מיר קענען אים נישט מאכן מער מלך נישט קיין חילוק וויפיל מיר בלאזן. ס'איז נאריש צו טראכטן; א קליינער מענטש אויף די וועלט נעמט א ווידער, האקט אפ זיין הארן, שטעלט זיך אויף אין שול, און געבט א בלאז, טו-טו-טו... און דער באשעפער ווערט דורכדעם דערהויבן?! דער באשעפער פון די וועלט וואס האט באשאפן ביליאנען וועלטן צווישן וועלכע די דאזיגע וועלט איז ווי א קליינטשיגער שטויב, און ווייל איין בשר ודם אדער טויזנט אדער אפילו מיליאנען מענטשן בלאזן מיט א שופר, דערפאר ווערט ער אצינד דערהויבן פונעם טו-טו-טו? זיכער נישט.

איז וואס באדייט עס ווען מיר זאגן **עָלָה אֱלֹקִים בִּתְרוּעָה**? דער ענטפער איז אז דער באשעפער ווערט דערהויבן ביי אונז אין קאפ דורכדעם וואס מיר רופן אויס זיין קעניגרייך דורכ'ן בלאזן מיטן שופר. דאס איז דער ציל פונעם שופר - זיך צו דערמאנען אז דער באשעפער איז דער קעניג. דער שופר קומט צו גיין ראש השנה און בלאזט: טו-טו-טו...! וועקט אייך אויף, איר שלאפנדע. וועקט אייך אויף, ס'איז ראש השנה.

אלזא, שטייט איר אין שול ראש השנה און דער בעל תוקע בלאזט, איר וועקט זיך אויף, איר טראכט: 'די וויכטיגסטע זאך יעצט איז אז ה' מלך. מיר רופן אויס די קעניגרייך פון הקדוש ברוך הוא.' דאס איז וואס דארף אריינגיין אין אונזערע קעפ - אז ס'עקזיסטירט גארנישט אין אונזער לעבן אויסער דער באשעפער.

## דער שופר - אין צייט פון צרה און שמחה

דאס איז וואס דער שופר לערנט אונז אין אלע זמנים. עס שטייט אין די תורה (במדבר י:ט): **וְכִי תָבֹאוּ מִלְחָמָה בְּאַרְצְכֶם...** - ווען עס וועט קומען א מלחמה אין אייער לאנד און איר וועט זיך דארפן קריגן קעגן די אינוואדירער, **וַהֲרֵעֹתֶם בַּחֲצֹצְרֹת וְנִזְכַּרְתֶּם לִפְנֵי ה' אֱלֹקֵיכֶם** - זאלט איר בלאזן מיט'ן שופר און דער באשעפער וועט הערן. גלייך נאכדעם שטייט דער פסוק (שם י:י), **וּבְיוֹם שִׂמְחַתְכֶם וּבְמוֹעֲדֵיכֶם...** - אין די טעג ווען איר קומט זיך צוזאם זיך צו פרייען, **וּבְרָאשֵׁי חָדְשֵׁיכֶם**

**וּתְקַעְתֶּם בַּחֲצֹצְרֹת** - זאלט איר אויך בלאזן מיט'ן שופר. וואס איז דאס דער שופר, אז עס האט צוויי פארקערטע אויפגאבעס; איינע אויף צו שרייען פאר הילף און איינע זיך צו פרייען?

דער ענטפער איז דאס וואס מיר האבן גערעדט די גאנצע צייט. מיר זאגן דא צוויי באזונדערע זאכן אבערביידע זענען איינס. דער שופר וואס מיר ניצן אין א צייט פון א צרה, חלילה, צו שרייען פאר הילף, דער שופר ווייזט אז מיר ווענדן זיך נישט צו קיינעם פאר הילף. כאטש מיר האבן אן ארמיי, אפילו מיר האבן געווער, ס'איז גארנישט. ס'איז נאר דו, באשעפער - דו ביסט דער וואס פירט אונז אינעם שלאכט. ווען מיר שרייען מיט'ן שופר קעגן אונזערע פיינט, טוען מיר אויסרופן אז מיר האבן נישט קיין שום אויסזיכטן פאר הילף, נאר פון דיר אליין: **אֵין לָנוּ מֶלֶךְ אֶלָּא אָתָּה** - "מיר האבן נאר איין האפענונג און דאס איז דו, באשעפער." און דאס איז דערפאר ווייל מיר ווייסן אז ס'איז סיי ווי אלעס נאר דו. ס'זענען נישטא קיין פיינט און עס זענען נישטא קיין פיינטליכע מלחמה פלענער - ס'איז אלעס דו. דאס איז דער שופר פון '**כִי תָבֹאוּ מִלְחָמָה בְּאַרְצְכֶם**'.

## ה' מלך אין די לאגערן

ווען אידן זענען געווען אין די קאנצענטראציע לאגערן, ווען טייל זענען געגאנגען צו זייער טויט, האבן די ערליכע זיך דערהאלטן מיט דעם ה' מלך. די וועלכע האבן פארגעסן אז דער באשעפער איז מלך, די וועלכע זענען נישט געווען ערליך אדער נישט גענוג ערליך - זיי האבן געזען די נאציס און די קרעמעטאריומס; זיי האבן געזען קאנצענטראציע לאגערן און בייטשן און פארפאלגונגען, אבער זיי האבן נישט געזען דעם באשעפער. אבער די פרומע, די ערליכע, האבן אלעמאל געזאגט, "ה' מלך." "דאס איז אלעס בלאף," האבן זיי געזאגט, "דאס מאכט אונז נישט פארגעסן פאר קיין איין מינוט דעם אמת." און דער אמת איז אז דער באשעפער קאנטראלירט אלעס. און ווען אפילו זייענדיג טיף אין די טונקלקייט אנערקענען מיר דעם אמת פון באשעפער - דאן קענען מיר דערגרייכן צו די העכסטע דרגות.

נישט נאר אין די קאנצענטראציע לאגערן. מיר רופן צום באשעפער פאר הילף א גאנצן טאג; מיר זאגן **רפאינו ה'** - "איך בעט דיר באשעפער, הייל אונז פון אונזערע קרענק". **ברך עלינו** - "שיק אונז פרנסה אז מיר זאלן האבן וואס צו עסן". מיר רופן צום באשעפער א גאנצן טאג ווייל אזוי רופן מיר אויס זיין קעניגרייך. "סיי וואס מיר דארפן, נאר דו קענסט עס מאכן."

## ה' מלך אין די פעלדער

אלזא, דאס איז נאר איין זייט. אבער לאמיר זאגן דו ביסט מצליח אין לעבן. דו האסט בעארבעט דיין פעלד און געשניטן א גערעטעניש. דו האסט וויין. דו האסט אויל. דו האסט גענוג תבואה. דו ביסט פרייליך. יעצט קענסטו זיך צוזאמקומען יום טוב צו פראווענען: חג האסיף, חג הביכורים, דו דארפסט בלאזן מיט'ן שופר. **בְּיוֹם שִׂמְחַתְכֶם וּבְמוֹעֲדֵיכֶם** - אין די ימים טובים זאלסטו בלאזן מיט'ן שופר. פארוואס דארף מען דאן בלאזן? די זעלבע זאך. צו ווייזן אז ס'קומט פון באשעפער. "עס קומט פון דיר, באשעפער!" מיר בלאזן מיט'ן שופר און זאגן, "דו ביסט דער קעניג!"

אט האבן מיר א פעלד ארבעטער וועלכער האט געהארעוועט דורכאויס א גאנצן זומער. ער האט געאקערט זיין פעלד. ער האט איינגעפלאנצט. ער האט געשניטן. ער האט געדרעשט די תבואה. ער האט עס געטון ווינט-שויוולען. ער האט עס צעמאלן. ס'פאדערט שווערע הארעוואניע פון א פעלד ארבעטער. און אצינד, ווען אלעס איז געענדיגט, האט ער פאר זיך א שטיקל ברויט אויפ'ן טיש. וואס זאגט ער? **בָּרוּךְ אַתָּה ה' אֱלֹקֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם הַמּוֹצִיא לֶחֶם מִן הָאָרֶץ**. דו ביסט דער וואס האט עס געטון. איך האב גארנישט געטון. מיין גאנצע ארבעט איז גארנישט. אלזא, **בְּיוֹם שִׂמְחַתְכֶם**, ווען דו בלאזט שופר און דו זאגסט, "ה' מלך" דאן רופסטו אויס אז דיין גאנצע שמחה, דיין גאנצע הצלחה, קומט נאר פון באשעפער. דאס אלעס באדייט דער תרועת מלך, צו אויסרופן אז דער באשעפער איז קעניג.

## ה' מלך ביי די חתונה

און אפילו ווען א מענטש גייט צו זיין חתונה - אהה! ס'איז ששון ושמחה, ער איז איבערגעפילט מיט פרייד. יעדער זינגט און טאנצט. די מוזיק שפילט. אבער ס'איז אלעס גארנישט. בשעת דער חתן שטייט אונטער די חופה זענען דא אזויפיל זאכן וואס קענען פארשלעפן: 'איז מיין שטריימל  גראד אויף מיין קאפ?' 'איז דער רינגל אין מיין טאש?' 'פעטער מרדכי באקומט א כיבוד?' אבער אנשטאט דאס אלעס, טראכט ער בלויז איין זאך: 'ה' מלך!' פארגעס נישט דעם באשעפער קיין איין מינוט. ער שטייט גלייך נעבן דיר, צווישן דיר און די כלה. ער איז דא! פארגעס נישט פון אים. די כלה זאל אויך נישט פארגעסן! קיין זאך אין די וועלט זאל דיר נישט מאכן פארגעסן פון באשעפער.

דאס איז דער מוסר השכל וואס די תורה וויל אונז לערנען: ווען די פיינט קומען אריין אין דיין לאנד, וואס איז די ערשטע רעאקציע? בלאז מיט'ן שופר און דערמאן זיך אז **ה' מלך!** און ווען די טעג פון שמחה קומען אן, דער יום שמחתכם, וואס איז דיין רעאקציע? די זעלבע זאך! בלאז מיט'ן שופר און רוף אויס, "**ה' מלך!**"

## ווער נישט פארלוירן אין די דעטאלן

דאס איז וואס בלעם האט געמיינט ווען ער האט געזאגט, **וּתְרוּעַת מֶלֶךְ בּוֹ** - ס'איז א פאלק וואס רעדט שטענדיג פון זייער קעניג. ס'איז אלעמאל דא א שאלונג פאר אים! ערליכע אידן לעבן שטענדיג מיט'ן שלחן ערוך אבער איר דארפט וויסן אז איבער דעם שלחן ערוך איז וואס שטייט געשריבן אין חומש; דער שלחן ערוך איז בלויז א פירוש אויפ'ן חומש. דערפאר, די ערשטע פון אלע אונזערע התחייבות איז צו טראכטן וואס עס שטייט אין חומש. דאס איז נומער איינס. און וואס שטייט אין חומש? אז דאס איז דער כח פון דאס אידישע פאלק: **ה' אֱלֹקָיו עִמּוֹ** - דער באשעפער זייער באשעפער איז מיט זיי. צי ווייסט איר פארוואס? **וּתְרוּעַת מֶלֶךְ בּוֹ** - ווייל זיי רופן אים אלעמאל אויס אלס קעניג.

אלזא, עס קען נישט גענוג ארויסגעברענגט ווערן ווי וויכטיג דאס איז. מענטשן פאלן אריין אין געוואוינהייט און פארגעסן די יסודות. זיי טראכטן פון די הלכה, פון יענע סוגיא. זיי טראכטן בלויז פון די ארומיגע ענינים און מיט די צייט פארגעסן זיי אז ה' מלך. אודאי דארף מען אויך

די חצוניות, זיך קליידן מיט'ן אידישן לבוש פון א שווארצע היט, ציצית און פיאות און מקיים זיין מצוות. געוואלדיג! אבער מ'דארף וויסן אז דער תפקיד נומער איינס פון יעדן איד איז צו טראכטן פון באשעפער.

## די ערשטע קבלה צום נייעם יאר

אלזא, ווען מענטשן קוקן ארויס צום נייעם יאר און טראכטן, 'וואספארא אונטערנעמונג, וואספארא קבלה זאל איך נעמען אויף זיך וואס דערמיט וועל איך געפינען חן אין די אויגן פון באשעפער, וואס דאס וועט מיר מאכן ווערד צו פארדינען נאך א געלעגנהייט ביים יום הדין?' זאלן זיי דאס טראכטן צום אלעם ערשטן: 'איך גיי מאכן דעם באשעפער פאר מיין קעניג.'

פראביר דאס אויס פון צייט צו צייט. מאך זיך אמאל צייט צו טראכטן פון באשעפער. געוואוין זיך איין צו האלטן דעם באשעפער אין געדאנק ווי ווייט מעגליך - קענסט אנהייבן מיט בלויז איין מינוט אדער צוויי. דארפסט מאכן איבונגען מיט דיין מח פון מוסקלען דורך זיך קאנצענטרירן פאר איין אדער צוויי מינוט. ס'איז נישט גרינג אבער דאס איז די וויכטיגסטע אונטערנעמונג וואס מיר דארפן קונה זיין אין לעבן. איינמאל מ'כאפט די זאך, קען מען האלטן אין איין צוליגן נאך מינוטן. און האלט זיך אן אין דעם, לאז נישט נאך, דו קענסט אנקומען צו גרויסע זאכן. דו וועסט זיין פון די געהויבענע וואס טראכטן פון באשעפער א גאנץ לעבן - דורכ'ן טאג גייענדיג אין גאס, ווען דו ביסט ביי די ארבעט, אין בית המדרש ביים לערנען, אינדערהיים מיט די קינדער. דו וועסט אויפשטיין מיט ה' מלך און דו וועסט זיך לייגן מיט ה' מלך. אה! דאס איז א לעבן וואס איז ווערד צו לעבן.




## לעבן פאר'ן קעניג

יעדן יאר בעטן מיר נאך א געלעגנהייט, און אצינד פארשטייען מיר אז אויב מיר שטרעבן צו לעבן מיט דביקות, צו טראכטן פון באשעפער, צו געדענקען דעם באשעפער ווי ווייט מעגליך, דאן האבן מיר עפעס א זכות ביים באשעפער. מיר קענען אים זאגן, "איך בעט דיר, באשעפער, מיר גייען זיין עבדים וואס אנערקענען דיין מלכות. מיר גייען אויסרופן אז ה' מלך דורכאויס דעם יאר - נישט בלויז מיט'ן זאגן די ווערטער, נאר דורך לעבן אין איינקלאנג מיט דעם יסוד אז דער באשעפער איז אלעס. און דאן וועלן מיר לעבן מיט א ציל."

אלזא, ראש השנה איז נישט נאר א יסוד אויפ'ן קומענדיגן יאר. פאר א מענטש וואס ניצט ריכטיג אויס דעם טאג, איז עס א טאג וואס איז משפיע אויפ'ן גאנץ לעבן. און נישט נאר אויפ'ן לעבן אויף די

וועלט - נאר אויך בעולם הבא. ווען דו הערסט דעם שופר בלאזן און דו טראכסט '**וּתְרוּעַת מֶלֶךְ בּוֹ**', איז דאס א פראקלאמאציע אז דער באשעפער איז אונזער מלך. אלע אונזערע האפענונגען זענען אנגעהאנגען אין אים; אונזער גאנצע געטריישאפט איז צו אים. און אויב דו זאגסט אזוי, אויב דו נעמסט אריין אין קאפ דעם אמת, דאן זאגט דער באשעפער, "אויב אזוי, דאן וועסט זיין מיט מיר אויף אייביג און אייביג. **אֲנִי ה' לֹא שָׁנִיתִי** - איך, דער באשעפער, האב זיך קיינמאל נישט געטוישט, **וְאַתֶּם בְּנֵי יַעֲקֹב לֹא כְלִיתֶם** - און דו וועסט אויך קיינמאל נישט קומען צו קיין ענדע (מלאכי ג:ו). דו מאך מיר פאר דיין קעניג אויף די וועלט און איך וועל זיין מיט דיר אויף אייביג בעולם הזה און בעולם הבא.

**לְשָׁנָה טוֹבָה תִּכָּתֵבוּ וְתֵחָתֵמוּ**

## נדבת השבוע

נדבת השבוע פרשת נצבים-ראש השנה תשפ"ב נתנדב ע"י

**מו"ה מיכאל דוב מענצער הי"ו**

לע"נ אביו

**מו"ה מרדכי אהרן חיים ב"ר אליעזר ע"ה**

נלב"ע כ"ו אלול תשנ"ט לפ"ק

---

זיכו הרבים יעמוד לכל הנדבנים החשובים, משתתפים בהדפסה, והפצה.

בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת, אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה**,

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער אידן אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**צו מנדב זיין "תורת אביגדור" רופט:**

**347-755-8860**

yiddish@torasavigdor.org

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן

# שאלות ותשובות
## מיט ר' אביגדור מיללער זצ"ל

## שאלה:

**פארוואס איז דאס אז אין אייראפע, אין די ישיבות און אפילו צווישן די בעלי בתים, האט געהערשט אין חודש אלול אן אמת'ער געפיל פון אימת הדין, א פחד פאר דעם קומענדיגן יום הדין, בשעת דא אין אמעריקע שפירן מיר נישט אזא סארט געפיל? צי זענען מיר דען נישט פונקט אזוי פרום ווי די אידן אין אייראפע זענען געווען?**

## תשובה:

לאמיר אייך עפעס ערקלערן. אין די אמאליגע צייטן - און מיט אמאליגע צייטן מיין איך הונדערט יאר צוריק - ווען מען האט געבענטשט ראש חודש אלול איז באפאלן א ציטערניש. יא, ווי נאר מ'האט דערמאנט דאס ווארט אלול איז מען געווארן דערציטערט. דאס איז געווען צוליב דעם וואס אין יענע טעג האבן די אידן געלעבט מיט אמונה. היינט, כאטש מיר האבן דא זייער פרומע מענטשן, דארפט איר וויסן אז מיר זענען דורכגעווייקט מיט אפיקורסות פון די דרויסנדיגע וועלט. אזויפיל מענטשן, ארטאדאקסישע אידן, פרומע אידן, זענען ריכטיגע אפיקורסים פון אינעווייניג.

אונזערע קעפ זענען פול מיט דעם אטמאספער וואס קומט אריין פון די גאס. א איד דארף ארבעטן זייער שווער אפצושלאגן די השפעה. מען דארף אמת'דיג ארבעטן אויף דעם. אמאל, הונדערט יאר צוריק, האבן זיי דען געהאט עפעס א באדייטנדע פארבינדונג מיט די גוים? ניין, אינגאנצן נישט. זיי האבן געפירט געשעפטן מיט די גוים. זיי האבן געקויפט און פארקויפט. אבער צי האבן זיי געליינט גוי'שע זאכן? קיינמאל.

אבער דא זענען מיר אויסגעשטעלט צו א גזירה. אונזערע קינדער אין סקול מוזן ליינען ענגלישע ביכער. און ענגלישע ביכער, אפילו ווען עס איז נישט פול מיט אפיקורסות, זענען זיי נאך אלץ גוי'שע ביכער, דאס דארף מען וויסן. און די בעסטע גוי'שע ביכער לאזן איבער א שעדליכע השפעה. איך ווייס וואס איך רעד. די בעסטע גוי'שע ביכער לאזן איבער א שעדליכע השפעה. זיי גייען אריין אין די קעפ פון אונזערע קינדער. און אויך אין אונזערע קעפ.

דערפאר זאגן מיר, "רבונו של עולם, קבצנו והצילנו מן הגוים." באשעפער, זאמל אונז איין און ראטעווע אונז פון די גוים. מיר ווילן ווידעראמאל זיך קענען צוזאמקומען, און לעבן ווי אזוי א איד דארף צו לעבן, אן קיין שום השפעה פון אינדרויסן.

און דערפאר, וואס איז בכלל די שאלה? מיר זענען זייער ווייט פון ווי אזוי זיי פלעגן צוגיין צו חודש אלול ווייל מיר זענען זייער ווייט פון אמונה. ווי דער משגיח, הרב ירוחם, האט אמאל געזאגט, בערך אכציג יאר צוריק. "מיר קענען בכלל נישט פארשטיין די גרויסקייט פון אונזערע עלטער באבעס." ער האט נישט געזאגט 'אונזערע עלטער זיידעס', נאר אונזערע 'עלטער באבעס'! זיי האבן פארמאגט אזא יראת שמים אז אפילו הרב ירוחם האט דאס נישט געקענט שפירן. די דרויסנדיגע גאס האט אנגעהויבן אריינדרינגען. ס'איז געגאנגען צוביסלעך, אבער ס'האט אנגעהויבן צו מאכן איר וועג אריין. און אזוי האט די אידישע וועלט אנגעהויבן רואינירט צו ווערן.

און כאטש היינט איז ברוך ה' דא א גרויסע באוועגונג פון תשובה, דארפן מיר אבער אויך מאכן א גרויסע באוועגונג פון תשובה פנימיות. צו אנטוויקלען א לויטערע תורה'דיגע מח פאדערט הארעוואניע. עס דארף זיין זייער א גרויסע באוועגונג! מיר דארפן ארבעטן זייער שווער אויף צו צוריקבאקומען כאטש א טייל פון דער מהות וואס אונזערע עלטער זיידעס האבן אמאל געהאט. די אידישע גאס איז געווען ממש דורכגעווייקט מיט יראת שמים. איר האט נישט קיין אנונג - אינגאנצן נישט קיין אנונג - ווי אזוי עס האט זיך געפילט צו גיין אויף די אידישע גאס.